ייוו"א/ארכיוו

40-טע יאהרצייט (כ"ז טבת) פון רבי שמשון רפאל דר. הירש זצ"ל

# בית יעקב
## חודש זשורנאל

אָרגאַן פאַר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילען
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָן

**דער ציל פון די בית-יעקב שולען:** צו ערציהען די יודישע טעכטער אין גייסט פון דער יודישער תורה און ישראל'ס היסטאָרישע אייביגקייט'ס - אידעאַלען.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: א יאָהר 8 גילד. אויסל.: 2 דאָלאַר. געלד פריהעראויס.
אַדרעס פאַר געלד:
ŁÓDŹ, P. K. O. 65.613.

**דאָס פּראָגראַם פון בנות אגודת ישראל:** פליכט - ערפילונג פון דער יודישער פרוי אין דער לעזונג פון די יודישע פּראָבלעמען אין גייסט פון תורה ומסורה.

## איז היינטיגען נומער:

1. 500 נייע אַבאָנענטען.

אַקטועלע שמועסען:

2) הירש'ס פערציגסטע יאָהרצייט
3) אנשטאָט ווערטער — מעשים
4) די בנות-בעוועגונג.

(2–4: א. ג. פרידענזאָן.)

5) הרב ר' שמשון רפאל זצ"ל — הרב טובי' יהודא גוטענטאַג.
6) דער זין פון מצוות מעשיות — דר נתן בירנבוים.
7) די דריי היסטאָרישע טבת טעג — שבתי שענפעלד.
8) דער כרמל — וו. לייכטער.
9) איינע פון אַ סאַך — אלימלך שטייער.
10) אַ רייזע אין אַ קאַלטען ווינטער-טאָג — יצחק שפּיראָ.
11) בית יעקב (ליד) — בן פולס.
12) " " (ליד) — לייב פיינגאָלד.
13) אמונה — רבי נחמן בראַסלעווער זצ"ל.
14) פון חודש צו חודש.
15) אַ פאָרשלאָג — חנה שפּיראָ.
16) ראַיאָן-קאָנפערענץ פון בנות אג"י.
17) קאָרעספּאָנדענציעס.
18) צו אַלע בנות-אָפּטיילונגען.
19) נאָטיצען.
20) אַנאָנסען.

6 יאָהרגאַנג
נומער 38

פרייז 85 גר.

אשה יראת ד'
היא תתהלל
(משלי)

# בית-יעקב-זשורנאל

ערשיינט יעדען ראש-חודש.

בית יעקב לכו
ונלכה באור ד'
(ישעי')

Łódź, Styczeń, 1929 r. rok 6 | № 38 | ב"ה לאָדז, טבת, תרפ"ט. 6 יאָהרגאַנג


# אקטועלע שמועסען

## רבי שמשון רפאל הירש'ס זצ"ל פערציגסטע יאָהרצייט

דעם הייַנטיגען 27 טבת געפאַלט די פערציגסטע יאָהרצייט פון דעם גרויסען גאון, צדיק און געלעהרטען רבי שמשון רפאל דר. הירש זצ"ל.

הרב הירש איז געווען דער ערשטער, דרייסטער שטאָלצער פּיאָנער אין קאַמף מיט דער מאָדערנער קולטור. נישט איגנאָרירט און גרינגגעשעצט האָט ער די אייראָפּעאישע אויפטועכצען, נאָר זיי אייגגעשפאַנט צום דינסט פון הכרת אלקות און חזוק היהדות.

הירש האָט נעשאַפען אַ סינטעז צווישען דער וועלטליכער וויסענשאַפט און טראַדיציאָנעלער יודישקייט. זייענדיג אַליין אָנ-געזאַפּט מיט'ן אייראָפּעאישען וויסען און וועלטליכער בילדונג, איז ער אָבער געווען דער גרויסער יודישער תלמיד-חכם און צדיק הדור און ער האָט דעריבער אויסגעגלייכט די סתירות צווישען דער תורה און די בילדונג. ביי זיין גאַנצער פערעהרונג צו ביל-דונג און וויסענשאַפט איז הירש נישט אָפּגעטרעטען אויף אַ קיצו של יוד פון די יודישע דינים און מנהגים. להיפוך, הירש האָט אין שריפט און וואָרט פערטיידיגט די יודישקייטס-פּרינציפען, די השקפות פון ישראל סבא אין די יסודות פונ'ם יודישען דת ווי אַלע מאורי הגולה.

אַ דאַנק זיין גרויסען אויטאָריטעט אַלס וויסענשאַפטס-מאַן און גדול בתורה, איז הירש'ן געלונגען דער קאַמף, מיט די רע-פאָרמער. הירש האָט צושמעטערט מיט זיין לאָגיק און מייסטער-האַפט קינסטלעריש וואָרט אַלע טענות פון די רעפאָר-מאַטאָרישע טעאָרעטיקער, די דינער פון די מאָדערנע קולטור-אָפּגעטער האָט ער געגעבען אַזאַ ענטשלאָסענעם ענטפער, דאָס זיי האָבען געמוזט בלייבען פערשטומט.

די פירות פון הירש'ס ריזיגער אַרבייט, איז די לעבעדיגע מעכטיגע יודישע אָרטאָדאָקסיע אין דייטשלאַנד. פאַר די לעצטע פיר צענדליג יאָהר זענען אַ סך הירש'ס אין דייטשלאַנד אויסגע-וואַקסען.

„ווילסטו קאָנען דעם דיכטער מוזטו אין זיין לאַנד געהן" — זאָגט אַ שפּריכוואָרט — און דאָס איז זעהר צוגעפּאַסט אויף הירש'ן. בעזוכט די יודישע אָרטאָדאָקסישע קהלות אין דייטשלאַנד, און ועל כלם, טאַקי פ ר אַ נ ק פ ו ר ט גופא, וועט איהר בולט זעהן די מחנה תלמידים פון הירש'ס שיטה. די גרויסע צאָהל די פלאַמירטע אינטעליגענץ צווישען דער דייטשער אָרטאָדאָקסיע, מיט וועלכע דאָס גאַנצע רעליגיעזע יודענטום קאָן שטאָלצירען, זענען אַ דאַנק הירש'ן פערהאַן. דער גייסט פון הירש'ן לעבט אין יע-דען האַרץ פון דעם מערב אייראָפּעאישען רעליגיעזען יוד. (זעה „די אָרטאָדאָקסיע אין דייטשלאַנד" ב"י נומער 29) הירש האָט אויך געשאַפען אַזעלכע ווערטען פאַר'ן יודענטום, וואָס גאַנצע דורות וועלען דאָס נעמען בירושה. זיינע „ניינצען בריף" דער „חורב" און בכלל אַלע הירש'ס שריפטען פערבלייבען אַלס אייביגער אוצר פון יודישען פאָלק.

אָהן הירש'ס וועלט-אַנשויאונג, אָהן זיין געדאַנקענגאַנג און אויפקלערונגס סיסטעם, איז קיינער נישט בכח דעם מאָדערנעם אייראָפּעאיש-געבילדעטען יוד צו געבען אַ ענטפער אויף די פּראָ-בלעמען פון „וועלט, געשיכטע, מענשהייט, ישראל."

פאַר דער לעצטער צייט איז אויך הירש'ס פערזענליכקייט און זיינע ספרים בפרט, געוואָרען זעהר אַקטועל אין פּוילען. די מזרח-אייראָפּעאישע אָרטאָדאָקסישע יוגענד לייענט הירש'ן מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם און נאָכמעהר איז הירש געוואָרען דער מורה-דרך פאַר דער רעליגיעזער פרויען יוגענד. די בית-יעקב שולען און די בנות-קרייזען בענוצען זיך פיל מיט הירש'ס שטאָף.

אין דער פערציגסטער יאָהרצייט דאַרפען די בנות-גרופּע-פּאָפּולאַריזירען הירש'ס אידעאַלען און זיין געדאַנקען-וועלט.

## אַנשטאַט ווערטעד—פּאָדערט אונזער בית-יעקב-שול מעשים

אין דער אָרטאָדאָקסישער טאָג-צייטונג „דער יוד", פיהרט זיך לעצטענס אַ גרויסע בית-יעקב-דיסקוסיע. דעם אַריינפיהר צו דער דאָזיגער דיסקוסיע האָט געגעבען דער חשוב'ער ה' דר. ניעמצעוויטש מיט זיין אַרטיקעל „חורב". אַלס לאַנג-יעהריגער עסקן אויפ'ן געביט פון אונזער חנוך-הבנות פערקלאָגט זיך אונזער רעד. מיטאַרבייטער ה' נ. אין אַ קריטישער פאָרם, אויפ'ן פעהלען פון אַ סיסטעם און פּעדאַגאָגישע מעי-אָדען אין אונזער שול-וועזען; עס געפעלען איהם אויך נישט אַ טייל שול-ביכער מיט וועלכע מען בענוצט זיך אין אונזער שול ביים אונטערריכט.

נו, וואָלטען מיר אפשר גאָרנישט געהאַט פעראיבעל אויפ'ן דר. נ., ווייל „קריטיק איז געזונד" און פריי פון חסרונות איז קיין שום שול-וועזען נישט, בפרט אַזאַ יונגע שול-בעוועגונג בית-יעקב, וואָס אַלץ מוז געשאַפען ווערען פון דאָס ניי.

אדרבא, זאָל טאַקי קומען צו הילף דער בית-יעקב-שול וואָס מעהר פאַכמענער אויפ'ן פּעדאַגאָגישען געביט, ווער שטערט ווער?

הלמאי, גיבען מיר דאָך טויזענד יישר-כוחות די פּעדאַגאָגי-שע קרעפטען פון דער מערב-אייראָפּעאישער-אָרטאָדאָקסיע וועלכע האָבען זיך געשטעלט בלב ונפש צום דינסט דער בית-יעקב בעוועגונג.

דר. נ. האָט אָבער איבערגעכאַפּט די מאָס, און פערגעסען

# [illegible] – זיכערן די [illegible] פון בית-יעקב-זשורנאל

## [illegible] בלייבט דאָמאָל נישט גלייכגילטיג

[illegible]

ביי [illegible] בלייבט נישט גלייכגילטיג און טיילט אונז תיכף מיט דעם רעזולטאַט פון דער [illegible] אַבאָנענטען-אַקציע!

## אילוסטרירטער בית-יעקב-אלמאנאך

צוליב נישט פאָראויסגעזעהענע [illegible] דער „בית-יעקב-אלמאנאך" [illegible] פערשפּעטיגונג. ערשט דעם קומענדיגען חודש.

אין אלמאנאך בעטייליגען זיך [illegible] פון לאַנד און אויסלאַנד

פּרייז 6 זל. אַנ'עקזעמפּלאַר מיט פּאָרטאָ.

פאַר אַבאָנענטען [illegible] 3,30 זל.

געלד פאָרויסצאָהלען!

## א הערצליכען מזל-טוב

[illegible] אַ הערציגען מזל-טוב דער איבערגעגעבענער בא"י מיט-אַרבייטערין פרל. שבע גרוסמאַן צו איהר פערלאָבונג מיט ה' אפרים בראַמבערג (וואַרשאַ) ווינשען

לעהרערין הירש, קליין-מעדכען-גרופּע און V קל. ב"י-שילערינס.

ה י ע ל ו ן.

## א הערצליכען מזל-טוב

[illegible] די איבערגעגעבענע [illegible] פאַר אונזער [illegible] בית יעקב-זשורנאל [illegible] בנות אגו"י פרל. לאה [illegible]

צו איהר [illegible]

מיט ה' דוד בינם [illegible]

[illegible] בנות אגו"י אין פּוילען

רעד. בית-יעקב-זשורנאל

## מזל טוב! – מזל טוב!

ווינשען מיר דעם פריינד פון אונזער זשורנאל, דעם חשובען אגודה-עסקן ה' ישעי' סטאַרינסקי (גראַיעוואָ) צו זיין חתונה.

רעד. בית יעקב זשורנאל.

Łódź Styczeń 1929 r. Cena 85 gr. Rok VI, zeszyt 4 (38).

„BAJS JAKOW" (miesięcznik) Adres Red. „Bajs Jakow" Łódź, Aleksandrowska 28.

איינציגער אָרטאָדאָקסישער קינדער-זשורנאַל

## „קינדער-גאַרטעז" № 15

שבט-אויסגאַבע — 36 זייטען — פרייז 40 גר.

דער „קינדער-גאָרטען" האָט זיך שוין פון לאַנג קונה שם געווען, אַלס דאָס אָנציהענדסטע לייען-ביכעל פאַר אונזערע שול-קינדער. אין „קינדער-גאָרטען" געפונען זיך שיינע, מעשה'לעך, בילדלעך, לידלעך א. אַ. וו. פון בעזונדערער חשיבות האָט די בעשרייבונג פונ'ם לעבען און שאַפען פון בעל-שם-טוב, אין שבט-נומער געפונט זיך אויך דאָס בילד פון בעש"ט, וואָס דרוקט זיך אין פאָרטזעצונגען, געשריבען אין אַ לייכטער קינדער-שפראַך. אין „קינדער-גאָרטען" בעטייליגען זיך די אויטאָריטעטסטע אָרט. פעדאַגאָגען און שריפטשטעלער — שוין נישטאָ כמעט קיין איין בית-יעקב-שול, וואו אונזער קינדער-זשורנאַל ווערט נישט געלייענט.

בעשטעלונגען ווערען פינקטליך אויסגעפיהרט. ביי 20 עקז. קאָסט דער ק. ג. נאָר 30 גר.

אַדרעס פאַר בריף:

Red. „Bajs Jakow" Łódź, skrz. poczt. 146.

אַדרעס פאַר געלד: P. K. O. 65.613

---

אַ האַרציגען מזל טוב ווינש איך דעם ה'
פישל קאזלאווסקי און פרוי צום געבורט פון
זייער ניי-געבוירען זוהנעלע. זאָל עס
אייך גרינג ערציגען ווערען.

שמעון גרינבערג.

---

לכבוד דער 40-טער יאָהרצייט פון ר' שמשון רפאל הירש זצ"ל ערשיינט אין דער פוילישער שפראַך

## „דער יודישער שבת"

פון הירש'ס שריפטען צייכענט זיך אויס „דער יודישער שבת" מיט זיין לייכטען סטיל און אָנציהענדער פאָרם. די פוילישע איבערזעצונג איז געמאַכט דורך אַ גוטע ליטעראַרישע פעדער און ס'ווערט מיט פיל זאָרגפעלטיגקייט אָפגעהיטען דער אָריגינאַל. אַ שעהן פאָרוואָרט גיט אויך צו דער איבערזעצער פאַר די פויליש-לייענער. אין בוך איז אויך פאַרהאַן דאָס בילד פון מחבר.

דאָס ערשטע בוך וועגען אַזאַ געוואַלטיג יהדות פראָבלעם ווי „שבת" אין פויליש וועט זיין „דער יודישער שבת".

פרייז 2 זלאָטעס אַנ'עקזעמפלאַר.

פאַר אַבאָנענטען וואָס האָבען איינגעצאָהלט פאַר'ן קוואַרטאַל טבת-אַדר פריהעראויס איז דער פרייז נאָר 95 גר.

אהן געלד פריהעראויס ווערט נישט געשיקט!

---

אַ האַרציגען מזל-טוב ווינש איך דעם ה'
שמואל גרוניס און פרוי צו דער בר-מצוה
פון זייערע צוויי זוהן.

שמעון גרינבערג.

---

בברכת מז"ט חמה ונלבבה אני מברכת את ידידתי החשובה מרת יענטיל ראבינאָוויטש בת אדמו"ר שליט"א מקאָברין לארושיה עם ב"ג אדמו"ר שליט"א מלאָמאז בשעדליץ, יהי"ר שדרכה תהי' סוגה בשושנים ויזרח מזלה כשמש בצהרים.

המורה מה„בית יעקב" מקאָברין

חנה שפירא.

---

כבר הופיע חוברת א' של הירחון

## „יבנה"

בהשתתפות טובי הרבנים והסופרים עם תוכן עשיר ורב מענין: א) אל הקוראים — *.* ב) יבנה ותקופתה — ש. ז. שפירא. ג) לחקר דברי חז"ל — הרב טובי' יהודה גוטנטג. ד) נימוס וגזע — משה לייטר. ה) הדת והמוסר — דר. נתן בירנבוים. ו) געגועי הנפש — מ. י. גוטמן. ז) הסוד הנעלם (ציור) — ש. ד. מייזלש. ח) ניצוצי מחשבה — ש. ז. שפירא. ט) תפלת חסידים (שיר) — שמואל נדלר. י) לפנות ערב (שיר) — א. מ. ערליך. יא) תולדות הספרות העברית — שמואל נדלר. יב) טיולים בספרות ישראל-סבא — הרב נחום גוטמן. יג) סקירת ספרים. יד) מודעות.

תנאי החתימה: לשנה 8 זהובים, לחצי שנה 4 זהובים, גליון 75 גרוש. בחוץ לארץ: לשנה 2 דולר, לחצי שנה 1 דולר, גליון בודד 20 סנט.

כל ספר הנשלח להמערכת, יודפס לו מודעה בהירחון.

האדריסה לכספים ומכתבים:

Redakcja „Jawne", Lwów, Zolkiewska 25/II.

---

אנו משתתפים בצערו של חברנו הכי נכבד חבר לועד אגודת ישראל דעירנו וחבר לועד המרכזי של אגודת ישראל בפולניא, ראש הקהל ויועץ העיר כש"ת מו"ה ר' נחמן דוד נ"י בירמאן לפטירת אחותו החשובה והצנועה שרה נ"ע וולאדאווסקי.

בעבודתו הצבורית לטובת היהדות החרדית ימצא תנחומים.

המנחמים

ועד אגודת ישראל בקוברין
ועד בית יעקב.

---

הנני משתתף בצערו של ידידי היקר הסופר הנעלה והמצוין מר לייבל פיינגולד נ"י, אביו הרה"ח מהור"ר

יעקב ז"ל

בעבודתו המסורה על שדה ספרותנו הצעירה ימצא תנחומים.

ידידו א. ג. פרידנזון

---

## פון דער רעדאקציע.

צוליב טעכנישע סבות געפונט זיך נישט אין היינטיגען נומער דער פוילישער טייל, מיר גיבען אָבער די-זעלבע צאהל זייטען. בעיקר קומט נישט אין היינטיגען העפט דער פוילישער טייל, דערפאַר, וואָס מיר זענען געצווינגען געווען אָפצוגעבען מעהר פלאַץ פאַר ידיעות און קאָרעספאָנדענציעס.

Red. i wyd. Lezer Gerszon Frydenzon. Tłocznia I. Grinberga Łódź, Wschodnia 45. tel. 31-90.